בס"ד

בהר בחקותי תשפ"ו

גליון 281

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַײן**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## וֶוער וִויל בָּארְגְן גֶעלְט?

דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, רֶעדְט דִי תּוֹרָה וֶועגְן אַ אִיד וָואס אִיז נֶעבֶּעך גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן און הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט, וֶוען עֶס קוּמְט יוֹבֵל גֵייט עֶר אַרוֹיס פְרַיי, וַוייל "כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם".

פַאר מִיר בְּרֶענְגֶען אַ דִבּוּר פוּן ר' נָתָן וָואס עֶס מֵיינְט אַ קְנֶעכְט וֶועלְן מִיר כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אִין שְׁטָאט בָּארְגֶערִיסְקִי...

"וֶוער וִויל בָּארְגְן גֶעלְט?" הָאט זִיךְ גֶעלֵיינְט אוֹיף דִי מוֹדָעוֹת, וָואס זֶענֶען צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי גַאסְן פוּן שְׁטָאט. אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער הָאבְּן גֶעלֵיינְט מִיט נַייגֶער, 'וָואס אִיז פְּשַׁט? וֶוער הָאט גֶעלְט? וֶוער פַארְבָּארְגְט גֶעלְט?'

וֶוען מֶען הָאט נֶענְטֶער צוּגֶעלֵייגְט דִי אוֹיגְן צוּ דִי מוֹדָעוֹת הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען שְׁטֵיין גֶעשְׁרִיבְּן אַז דֶער עוֹשֶׁר פוּן שְׁטָאט, ר' גֶעצְל, הָאט גֶעעֶפְנְט אַ נַייעֶ גְמִילוּת חֶסֶד וואוּ מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט בַּאקוּמֶען הַלְוָואוֹת. מֶען בְּרוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֲרֵבִים און אוֹיךְ זֶענֶען דִי צָאלוּנְגֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער.

דִי שְׁמוּעָה הָאט זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייט פוּן מוֹיל צוּ אוֹיעֶר וִוי אַ ווִילְד פַייעֶר. "הָאסְט גֶעהֶערְט? ר' גֶעצְל טֵיילְט גֶעלְט!"

"וָואס? וואוּ? וִויפִיל גֶעלְט מֶען וִויל?"

"כְ'גְלֵייבּ אַז סְ'הָאט אַ סִיסְטֶעם. מְ'קֶען נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט אִין דִי וֶועלְט אַרַיין – סְ'אִיז אַן הַלְוָאָה."

"אוּהַא! אִיךְ זָאג דִיר, סְ'אִיז אַ גֶעלֶעגְנְהַייט. מֶען דַארְף זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן אוֹיף דֶעם."

בְּקִצוּר, בִּיז עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז שׁוֹין ר' גֶעצְלְ'ס שְׁטוּבּ בַּאלַאגֶערְט גֶעוָוארְן מִיט אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט. יֶעדֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט שְׁפַּאנוּנְג און גֶעוַוארְט צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶענוּמֶען דוּרְךְ ר' גֶעצְל.

"אַ גוּטְן, וָואס אִיז אֵייעֶר נָאמֶען?" הָאט ר' גֶעצְל גֶעפְרֶעגְט פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן אִין דִי רַייעֶ.

"אַבְרָהָם צִימְשׁוּנָאוִויטְשׁ."



"וִויפִיל גֶעלְט בְּרוֹיכְט אִיר הָאבְּן?"

"אִיךְ מַאךְ חֲתוּנָה דְרַיי קִינְדֶער אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע הַאלְבֶּע יָאר. אִיךְ נוֹיטִיג זִיךְ און אַ רִיזִיגֶע הַלְוָאָה."

"ר' אִיד, אִיר דַארְפְט מִיר נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן וָואס אִיר וִוילְט טוּן מִיט דָאס גֶעלְט, אַלֶעס וָואס אִיךְ בְּרוֹיךְ וִויסְן אִיז, וִויפִיל אוֹיסצוּשְׁטֶעלְן דֶעם טְשֶׁעק."

שְׁטִיל. ר' אַבְרָהָם פַארְלִירְט זַיין לָשׁוֹן, עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן אַזָאנְס...

"נוּ, עֶס וַוארְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אִינְדְרוֹיסְן. אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ לַאנְגֶער טָאג הַיינְט. וִויפִיל גֶעלְט בְּרוֹיכְט אִיר הָאבְּן?"

"הֶמְמְמְ... הוּנְדֶע--רְ-ט טוֹיזֶ--ענְט דָאלֶ--ער!" הָאט ר' אַבְרָהָם מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּשְׁטַאמְלֶען.

"אָקֶעי, דָא הָאט אִיר דֶעם טְשֶׁעק. אָבֶּער גֶעדֶענְקְט,

דָא שְׁטֵייט דֶער טֶערְמִין וֶוען מֶען בְּרוֹיךְ קוּמֶען בַּאצָאלְן.״ ר׳ גֶעצְל דֶערְלַאנְגְט אִים אַ שְׁטַר אוּן גֶעוִויזְן דֶעם דַאטוּם וֶוען דָאס גֶעלְט דַארְף אָפְּגֶעבְּרֶענְגְט וֶוערְן.

אוֹיךְ ר׳ בֶּערְל, ר׳ שַׁמַאי, ר׳ שָׁלוֹם אוּן נָאךְ טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרִיבֶּער ר׳ גֶעצְל אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם זֶעלְבְּן בַּאהַאנְדְלוּנְג.

ר׳ אַבְרָהָם קוּמְט אַהֵיים גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. עֶר גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי חֲתוּנָה מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעמִיט. זַיין פְרוֹי גֵייט אַרוּם אַיינְקוֹיפְן שְׁטָאפִיר. מֶען בַּאשְׁטֶעלְט אַ חֲתוּנָה-זַאל אוּן קֶעיטֶערִינְג. אוֹיךְ פַארְן גְרוֹיסְן שַׁבָּת אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע הֲכָנוֹת אַרוּם.




דִי קוּמֶענְדִיגֶע הַאלְבֶּע יָאר אִיז אַדוּרְכְגֶעלָאפְן אִין אַן אוֹיגְנְבְּלִיק וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה טַאנְצְט פוּן אֵיין חֲתוּנָה צוּם צְוֵוייטְן. דִי פָארְפֶעלְקֶער זֶענֶען זִיךְ יֶעדֶער אַהֵיים צוּ זֵייעֶר וואוֹינוּנְג גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אוּן דֶער טֶערְמִין פוּן בַּאצָאלְן הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט, שְׁנֶעלֶער וִוי ר׳ אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶערָאכְטְן. אַ פֶּענִי [קליין מטבע] פוּן וואוּ צוּ בַּאצָאלְן אִיז נִישְׁטָא. ר׳ אַבְרָהָם דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן קַיין קָאפּ. פוּן וַואנֶעט וֶועט עֶר נֶעמֶען צוּ בַּאצָאלְן דֶעם פַאנְטַאסְטִישְׁן סוּמֶע? עֶר שֶׁעמְט זִיךְ צוּ קוּקְן ר׳ גֶעצְל אִין פָּנִים.

אוֹיךְ ר׳ גֶעצְל וֶוערְט אוּמְרוּאִיגֶער פוּן טָאג צוּ טָאג. עֶר הָאט פַארְבָּארְגְט רִיזִיגֶע סְכוּמִים פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאוִויזְן אָפְּצוּגֶעבְּן אֲפִילוּ אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן דֶער הַלְוָאָה. עֶר וִויל נִישְׁט טְרָאגְן קַיין שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף קֵיינֶעם, אָבֶּער פָארְט, אַבִּיסְל מֶענְטְשְׁלִיכְקַייט... ׳אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן אַ מֶענְטְשׁ?׳ טְרַאכְט עֶר מִיט פַארְאִיבְּל. טַאקֶע נִישְׁט שֵׁיין אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן אַ מֶענְטְשְׁנְ׳ס גוּטְסְקֵייט. בְּרֶענְג כָאטְשׁ עֶפֶּעס... עֶפֶּעס צוּ וַוייזְן אַז דוּ מַאכְסְט זִיךְ צוּטוּן. קוּם זִיךְ כָאטְשׁ פַארֶענְטְפֶערְן. קֶענְסְט קוּמֶען בֶּעטְן אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דֶער טֶערְמִין. מַאךְ גְרִינְגֶערֶע צָאלוּנְגֶען – דִי מִינִימוּם וָואס דוּ קֶענְסְט, אָבֶּער אַזוֹי זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג צוּ מַאכְן אִיז מַמָּשׁ אַן אוּמְרֶעכְט.

אֵיין ר׳ אַבְרָהָם אִיז פַארְהַאן וָואס זַיין גֶעוִויסְן פַּיינִיגְט אִים. עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן קַיין קָאפּ, עֶר מוּז פַאר יֶעדְן פְּרַייז בַּאצָאלְן דֶעם חוֹב, אָבֶּער פוּן וואוּ? עֶר נֶעמְט דִי קוּרַאזְשׁ אוּן גֵייט אַרָאפּ צוּ ר׳ גֶעצְל. עֶר פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ טוֹיזְנְט מָאל אוּן פַאלְט אִים צוּ דִי פִּיס. ״טַייעֶרֶער ר׳ גֶעצְל, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער,״ וֵויינְט עֶר. ״אִיךְ הָאבּ אַייךְ בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט בַּאצָאלְן אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר גֶעדְרִיקְט. אֶפְשָׁר קֶען מֶען אָפְּשְׁטוּפְּן דֶער טֶערְמִין פוּן צָאלוּנְגֶען?״ בֶּעט עֶר זִיךְ מִיט טְרֶערְן.

״קוּק אַהֶער ר׳ אַבְרָהָם,״ עֶנְטְפֶערְט ר׳ גֶעצְל, ״וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט מִיר בַּאצָאלְן דַיין חוֹב? מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג מִילְיָאנֶען דָאלַארְן, אוּן קֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן,״ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט. דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אָרְנְטְלִיךְ אוּן זִיךְ כָאטְשִׁיג בַּאוִויזְן זִיךְ צוּ אַנְטְשׁוּלְדִיגְן, אַנְדֶערֶע טוּעֶן דָאס אוֹיךְ נִישְׁט. אִיךְ וֶועל דִיר מְוַותֵּר זַיין דֶער חוֹב אָבֶּער אִיךְ וִויל פוּן דִיר נָאר אֵיין זַאךְ: דוּ זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין צוּ דִי אַלֶע בַּעֲלֵי חוֹב אוּן צַאמְנֶעמֶען פוּן

זַיי דָאס גֶעלְט. דֶערְפוּן וֶועל אִיךְ הָאבְּן פִיל מֶער פַארְדִינְסְט ווִי וֶוען דוּ וֶועסְט מִיר אָפְּגֶעבְּן נָאר דַיין חוֹב.” דֶערְבַּיי הָאט אִים ר׳ גֶעצְל גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע בִּינְטְל מִיט שְׁטָרוֹת וואוּ עֶס אִיז פוּנְקְטְלִיךְ פַארְצֵייכְנְט וֶוער אוּן ווִיפִיל מֶען אִיז אִים שׁוּלְדִיג.

ר׳ אַבְרָהָם אִיז אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ אַז ר׳ גֶעצְל אִיז מְוַותֵּר אוֹיפְן רִיזִיגְן חוֹב. עֶר דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שֵׂכֶל זִיךְ צוּ קוּמֶען בַּאוַוייזְן פַארְן עוֹשֶׁר בַּאצַייטְנְס. אוּן פְלַייסִיג הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבֶּעט. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן מֶענְטְשׁ צוּ מֶענְטְשׁ אוּן אָפְּגֶעבֶּעטְן דִי חוֹבוֹת. וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט הָאט עֶר גֶענוּמֶען נָאר אַבִּיסְל. אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט ווִי אַ שְׁטֵיין אִיז אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר הַארְץ צוּ בַּאצָאלְן כָאטְשִׁיג אַ קְלֵיין טֵייל פוּן זֵייעֶר הַלְוָאָה. מִיט דֶער צַייט הָאט שׁוֹין ר׳ אַבְרָהָם גֶעהַאט אָנְגֶעקְלִיבְּן אַ פַאנְטַאסְטִישֶׁע סוּמֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן פַאר ר׳ גֶעצְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיְיגָא בֶּן שִׂמְחָה, בְּרֶענְגְט דֶעם אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן מָשָׁל מִיט דִי פָאלְגְנְדֶע נִמְשַׁל:

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שֶׁענְקְט פַארְן מֶענְטְשׁ אָן אַ שִׁיעוּר טוֹבוֹת וָואס עֶר ווִיל מֶען זָאל אִים בַּאצָאלְן. אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט וָואס אִיז זַיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר גֶענִיסְט פוּן דִי פוּלֶע גוּטְס אָן צוּ בַּאצָאלְן אֲפִילוּ אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי חוֹבוֹת.

זָאגְט מֶען פַאר דֶעם אִיד, ”דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי אוּמְצָאלִיגֶע גוּטְס אוּן טוֹבוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעטוּן, אָבֶּער וָואס דוּ קֶענְסְט יָא טוּן אִיז צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע אִידְן, צוּ דַיינֶע חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע אוּן זֵיי עֶרְוֶועקְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ דַאנְקְן אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. ווִי מֶער אִידְן וֶועלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט וֶועלְכֶער אִיז דֶער גְרוֹיסֶער פַארְבָּארְגֶער אוּן עֶר אִיז דֶער וָואס פַארְבָּארְגְט אוּנְז דִי אַלֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע בַּאצָאלוּנְג וָואס מִיר גֶעבְּן צוּרִיק פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אִין קוּרְצְן: וֶוען דוּ רֶעדְטְס צוּ דִיר אַלֵיין בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וֶוען דוּ רֶעדְטְס צוּ דַיין חַבֵר, דַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, דַיינֶע קְרוֹבִים, דֶערְמַאן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען, זָאג: ”גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאקוּמֶען גֶעזוּנְט, אַ גוּטֶע חֵדֶר, אַ גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייט, אַ לוּפְטִיגֶע וֶועטֶער, א.א.וו אַלֶעס קוּמְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע קֵייטְל פוּן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן וָואס וֶועלְן דַאנְקְן אוּן צוּרִיקְצָאלְן זֵייעֶר חוֹבוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵיי פַארְבָּארְגְט!

ר׳ נָתָן אִין זַיין שְׁפְּרַאךְ זָאגְט אַז אַ אִיד דַארְף זַיין אַ קְנֶעכְט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶע סָארְטְן צְדָקָה אוּן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע, מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גְרֵייט אַלֶעס צוּ טוּן מִיט אַ בִּיטוּל אוּן אַ תְּמִימוּת, אַזוֹי קֶען דֶער אִיד גְרַייכְן אוּן בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנוֹת אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגוֹת בִּיז מֶען לָאזְט אִים אַרַיין אִין אַזֶעלְכֶע בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצְרוֹת וָואס אֲפִילוּ אַ קִינְד פוּן דֶעם גְרוֹיסְן קֶענִיג לָאזְט מֶען דָארְט נִישְׁט אַרַיין, אָבֶּער מֶען דַארְף נָאכְאַלְץ בְּלַייבְּן דֶעם פָּשׁוּטֶ׳ער עֶבֶד וָואס דִינְט זַיין הַאר.




*המשך פון פריער:*

***די משפחה לייגן דרוק אויף רבי נתן אז ער זאל זיך כאטש אביסל ארייגלייגן אין מסחר צו מפרנס זיין די שטוב, אבער רבי נתן טענה'ט אז מען וועט איין טאג מוזן ליגן מיט די פיס צו די טיר און ער קען זיך נישט ערלויבן צו פארשווענדן אויף האנדל און וואנדל זיין טייערע צייט.***

אצינד לייגט ווייטער:

פונדעסטוועגן, האט רבי נתן זיך פארטיפט אין חז"ל ווי מיר טרעפן אז דער תנא רבי ישמעאל האט געהאלטן אז א מענטש זאל ארבעטן אפאר שעה אין טאג, אבער רבי שמעון בר יוחאי האט געהאלטן אז מען דארף פארברענגען דעם גאנצן טאג נאר מיט תורה. די גמרא פירט דארט אויס: "אסאך זענען נאכגעגאנגען רבי ישמעאל'ס דרך, און האבן טאקע מצליח געווען, ווידער אנדערע האבן פרובירט צו גיין אין רבי שמעון'ס מהלך און האבן נישט מצליח געווען."

רבי נתן האט זיך פארטראכט אין די מאמרי חז"ל, און ער האט אנגעהויבן צו קלערן אז אפשר פארט זאל ער יא גיין האנדלען אביסל, דאס איז דאך אויך פארערכנט ווי דינען דעם אויבערשטן.

רבי נתן האט זיך זייער געוואקלט מיט זיינע ספיקות, פון איין זייט די מצוה פון ברענגען פרנסה און פון צווייטן זייט דעם געפיל אז מען איז דא בלויז אויף א קורצע צייט און ער קען זיך נישט ערלויבן צו איינטווישן תורה ועבודה פאר וועלטליכע זאכן. יעדע רגע און מינוט האט געברענט אין אים ווי א פייער, און האט געמאנט פון רבי נתן צו עבודת השם.

נאך פיל ויכוחים פון די משפחה, האט רבי נתן איינגעזען אז ער האט נישט צופיל ברירות, ער וועט מוזן אראפציפן אביסל פון זיין קורצע טאג אויף די סארט 'עבודת השם'. ער האט אפגעמאכט מיט זיי אז ער וועט איינקויפן די סחורה, און זיין רביצין וועט פירן דעם געשעפט. און דאס נאר מיט א תנאי, אז זיינע ארומיגע וועלן אים מאכן די נויטיגע הכנות צו די רייזע; זיי וועלן באשטעלן א פערד און וואגן, צוגרייטן אלע זיינע באדערפענישן, ער וועט נאר דארפן פארן און פארטיג.

אפילו אויף דעם אופן, האט רבי נתן געגעבן זיין צושטימונג זייער אומגערן. ער האט זיך זייער געוואקלט צי ער טוט די ריכטיגע זאך.

זיין רייזע קיין בארדיטשוב איז שוין געווען באשטימט און ערלעדיגט פון אלע זייטן. פאר רבי נתן האט אנגעכאפט א צווייפל. ער האט געשפירט דערשטיקט ווי ער מוז זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן אויבערשטן. ביינאכט איז ער ארויס פון שטאט צו מאכן התבודדות. ער האט שטארק מתפלל געווען אז דער אויבערשטער זאל אים חונן דעת זיין צו וויסן וואס עס איז דער אמת. רבי נתן האט זיך פארזוימט ביז אינדערפרי. דאן איז ער צוריק אריין אין שטאט, גראד אין ביהמ"ד אריין, וואו ער האט געלערנט אביסל און דערנאך האט ער זיך געשטעלט דאווענען שחרית.

נאכ'ן דאווענען איז אים בייגעפאלן א געדאנק, אז איידער ער פארט ארויס אין וועג וויל ער זיך אריבערכאפן צום רבי'ן קיין ברסלב.

זיין נסיעה קיין בארדיטשוב איז באשטימט געווען אויף שפעט נאכמיטאג, האט ער זיך געמאכט א חשבון, אז עס איז א זומערדיגע לאנגע טאג, אויב פארט ער ארויס געגוג פרי, האט ער נאך צייט צו פארן צום רבי'ן און נאך זיין צוריק אין צייט.

אזוי האט ער טאקע געטון. כאטש וואס ער האט נישט תיכף געפונען א וואגן וואס זאל אים פירן צום רבי'ן, איז אים דאס נאך געווען גענוג וויכטיג צו גיין אפילו צופיס. צום סוף איז אים פארבייגעפארן א וואגן וואס האט אים אויפגענומען און געפירט קיין ברסלב שנעל און גרינג.

רבי נתן האט זיך דערקוויקט ביים רבי'ן. ער האט זיך אנגעשעפט מיט כוחות אויף זיין לאנגע רייזע. נאכ'ן רעדן אביסל מיט'ן רבי'ן, האט ער זיך תיכף צוריקגעדרייט אויפ'ן וועג אהיים צו אניאגן דעם וואגן קיין בארדיטשוב.

אין בארדיטשוב האט רבי נתן איינגעהאנדלט וואס ער האט געברויכט. בלית ברירה. זיין ווידערווילן צו די גאנצע געשעפט האט זיך דערקענט ווען ער האט זיך צוריקגעקערט. ווינאר ער האט איבערגעטראטן די שוועל פון שטוב, האט ער אראפגעלאזט די סחורה און גלייך זיך געקערט צום ביהמ"ד וואו ער איז ווייטער איינגעשווימען אין ים התלמיד וואו ער האט איר איבערגעלאזט מיט איינינגע טעג צוריק.

די רביצין האט איבערגענומען די סחורה און געפירט צום געשעפט. די קונדן האבן אנגעהויבן אריינצוקומען צו קויפן די שטאף. זיי פרעגן איר וויפיל איז די פרייז, און זי ווייסט נישט. איר טייערער מאן האט איר נישט איבערגעגעבן וויפיל יעדע שטאף האט אים געקאסט און זי ווייסט נישט וויפיל צו רעכענען.

זי לאזט איבער די קונה אין געשעפט און לויפט אריבער צום ביהמ"ד צו אנפרעגן ביי איר מאן וויפיל געלט זי זאל רעכענען פאר די און די סחורה. רבי נתן האט איר געענטפערט און זי איז צוריקגעלאפן צו די קונה וואס האט איר שוין אפגעווארט אומגעדולדיג. אזוי האט זיך איבערגע'חזר'ט יעדעס מאל וואס א קונה איז אריינגעקומען אין געשעפט. זי איז געלאפן צו איר מאן וועלכער איז געזעסן אין ביהמ"ד איבערגעבויגן איבער די ספרים און געהארעוועט אין תורה מער ווי אין סחורה...

ליינט אין קומענדיגן נומער ווי ס'פירט זיך (נישט) אזא געשעפט...

המשך פון זייט 10

## מַעֲשֶׂה יא׳
## דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אוּן דֶער 'בֶּן־שִׁפְחָה'

זֵייעֶר פַּארְוואוּנְדֶערְט [דֶערוֹיף] וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעהֵייסְן (דְהַיְינוּ: דֶער אֱמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסְן): אַז מְ׳זָאל נֶעמֶען דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] מֶענְטְשְׁן – אוּן מְזָאל אִים אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִינֶעוֵויינִיג אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין!

הָאט מֶען אַזוֹי גֶעטָאן! [אוּן] אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע שָׂרִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין – אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] – אוּן זֶענֶען אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם!

הָאבְּן זִיךְ דִי שָׂרִים צוּ אִים אָנְגֶערוּפְן:

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט – כָאטְשֶׁע מִיר הָאבְּן פוּן דִיר גֶעזֶעהְן אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, פוּן [צוּלִיבּ] אֵיין זַאךְ וֶועגְן – קוּמְט דִיר נָאכְנִישְׁט אָפְּצוּגֶעבְּן דִי מְלוּכָה – מִיר וֶועלְן דִיךְ פְּרוּבְן נָאךְ מִיט אֵיין זַאךְ!

# שבת פארטאגס אין לובלין



הרה"ח ר' יחיאל גרינוואלד ז"ל האט געוואוינט אין פולין אין די שטאט לובלין, ער איז געווען א אלכסנדר חסיד און פרנסה האט ער געצויגן פון זיין געשעפט וואס ער האט געהאט אין שטאט, דאס לעבן איז אים געפארן אויף א קלארע דורכגעשניטענע וועג, א פוילישער חסידיש'ער אידל, וויפיל דער גייסטישער לעבן האט געבליעט אין פולין איז דער גשמיות געווען צעשאסן און צוקלאפט, די גוים פלעגן אנמאכן פאר אידישע קינדער צרות יעדן מאנטאג און דאנערשטאג, ווען די רעגירונג - ווי באוואוסט זענען זיי געווען גרויסע אנטיסעמיטן - האבן אויך צוגלייגט זאלץ און פעפער און גוזר געווען גזירות וואס האבן נישט געלאזט די אידן קיין מנוחה.

איינע פון די גזירות איז געווען אז אין געוויסע שעות פונעם טאג דארפן אידן צומאכן די געשעפטן, ר' יחיאל וועמען די גאנצע פרישע גזירה האט גארנישט געפאלן האט באשלאסן נישט צו פאלגן און יא לאזן אפן זיין געשעפט כאטש דעם נייעם געזעץ, נישט קיין סאך צייט איז פארביי און די פוילישע פאליציי זענען אריינגעקומען אין געשעפט. "פארוואס איז דיין ביזנעס ברייט אין צייט וואס עס איז פארבאטן?" האבן זיי באלד פארלאנגט אן ענטפער, די חברה האבן ארויסגענומען פאפירן און אפגעשריבן א שווערן פסק, מיט כעס האבן זיי אראפגעלייגט דאס צעטל אויפן טיש און ארויס פון געשעפט איבערלאזנדיג ר' יחיאל באזארגט און דערציטערט. א קליין בליק אויפן נומער האט אים קלאר געמאכט אז ער דארף באצאלן א גרויסן סכום געלט פארן עובר זיין אזא אויסטערלישע עבירה...

נאכן דורכרעדן מיט גוטע פריינד האט ר' יחיאל באשלאסן צו אפפרעגן דעם גרויסן שטייער וואס ער דארף צאלן און מען האט אים מודיע געווען אז עס וועט פארקומען א משפט וועגן זיין זינד אין די נאנטע צייט. קיין גרויס האפענונג האט ער נישט געלייגט אויפן משפט, ווייל דער שופט איז נישט געווען קיין קלענערער רשע ווי זיינע חברים, מיט דעם אלעס האט ער זיך געשטארקט אז ער פראבירט צו טון עפעס השתדלות צו ראטעווען זיין געלט.

אין א טאג האט דער פאסטרעגער איבערגעגעבן א בריוו מיטן זיגל פון בית המשפט ר' יחיאל געבט א בליק אויפן דאטום פונעם משפט און עס ווערט אים שלעכט!

## "שבת צופרי"

אוי ווי! אום שבת זאל ער דארפן גיין צום גוי'שן בית משפט? בפרט אז די באשטימטע שעה פון משפט איז אויסגעפאלן פונקט אין צייט ווען עס שטעלן זיך דאווענען אלע חסידים אינעם אלכסנדר שטיבל, מיטן אנקומען צום ארט און זאגן זיין עדות קען מען זיך נאך דורכקומען הלכה'דיג אבער וואס וועט זיין

מיטן דאווענען שחרית פון שבת, מוסף און קריאת התורה? אויך דער קידוש אינאיינעם מיט די חסידים איז זייער וויכטיג געווען, וואס טוט מען? ער האט זיך אויסגערעדט צו א גוטן חבר און יענער האט אים אויסגעשטעלט א שיינעם פלאן ווי אזוי ער קען טאנצן אויף ביידע חתונות. "דער מנין אין שטיבל שטעלט זיך שבת אביסל שפעטער, אויב דו וועסט אויפשטיין פרי און דאווענען וותיקין וועסטו קענען באלד אינדערפרי ארויסגיין צום משפט און נאך זיין צוריק צו קענען אניאגן דאס דאווענען אין שטיבל."

זייער א גוטע פלאן! איז ר' יחיאל געווען צופרידן, אבער וואו האב איך שבת א מנין וותיקין?

"קיין פראבלעם!" האט דער חבר געלאסן געזאגט: "נישט ווייט פון דיר שטייט דער ברסלב'ער שטיבל דארט איז דא א מנין וותיקין, כאפ זיך דארט אריבער שבת פארטאגס און שפעטער גיי צום געריכט הויז!

"געוואלדיג!" רופט אויס ר' יחיאל מיט פרייד, ער קען אריינכאפן ביידע וועלטן, אויך זיין נשמה זאל באקומען איר'ס אין זיין שטיבל און אויך טון זיין השתדלות פאר פרנסה...

שבת פארטאגס עס איז נאך טונקל אינדרויסן, די גאסן זענען פוסט ליידיג פון מענטשן ר' יחיאל מיטן טלית איילט צו זיינע טריט צום ברסלב'ער קלויז, צו זיין וואונדער האט ער געזען אז ס'איז דא נאך איבער א מנין אידן וואס שטייען אויף אזוי פרי שבת קודש און קומען דאווענען וותיקין אויך אן צו ווארטן אויף א שווערן געריכט...

דער עולם האט זיך גענומען ווארעם צום דאווענען, אין אנהייב האט ער זיך געפילט אביסל פרעמד צו דאווענען מיט אידן וואס ער קען נישט, אויך דער נוסח איז אים נישט געווען באקאנט, אבער צוביסלעך האט ער זיך מיטגעכאפט מיט הייליגע ווערטער פון דאווענען און גדאווענט אינאיינעם מיט א ברען רננו צדיקים בה' לישרים נאווה תהילה...." "שוכן עד מרום וקדוש שמו."...

נאכן צוענדיגן דאס ווארעמע דאווענען האט ר' יחיאל געטראכט אז אט וועט מען שטעלן קידוש, אבער ניין, צו זיין שטוינונג האבן זיך די ברסלב'ע חסידים געגעבן די האנט איינעם דעם אנדערן און ארויס אין א שבת'דיגן ריקוד... ער איז געשטאנען אין זייט און צוגעקוקט פארוואונדערט אן אינטערעסאנטע הנהגה, טאנצן נאכן דאווענען.... שוין, אבער באלד דערנאך האט טאקע איינער פון די חסידים געמאכט קידוש, ר' יחיאל האט עפעס צוגעביסן און זיך גענומען גרייטן צו ארויסגיין צו זיין וועג, אבער ווידער איז ער פארוואונדערט געווארן צו זען ווי דער עולם זעצט זיך צוריק און א חשוב'ער איד – א ברסלב'ער חסיד האט זיך געשטעלט רעדן א דרשה, נו, טראכט ר' יחיאל צו זיך שטיל לאמיר הערן אפאר מינוט וואס האט ער צו פארקויפן.

דער פלאקערדיגער חסיד האט געעפנט א ספר "סיפורי מעשיות" און גענומען פארליינען א מעשה, ר' יחיאל האט געמוזט באצייכענען ביי זיך אז ער ענדיגט נישט ווערן איבערראשט דעם היינטיגן טאג... אזעלכע מעשיות האט ער נאך טאקע אין זיין לעבן פריער נישט געהערט, א מלך און א בת מלכה זיין נייגעריגקייט האט זיך אנגעצונדן און ער האט זיך געזעצט הערן מיט אינטערעס.

די ווייזער'ס פונעם זייגער האבן זיך געדרוקט פאראויס גאנץ שנעל, די זון אינדרויסן האט שוין געשטראלט, דער געריכט גייט זיך באלד אנהייבן... אבער ר' יחיאל זיצט צוגענאגלט צום בענקל און קען זיך נישט רירן, די דיבורים וואס ער האט געהערט

המשך פונ׳די לעצטע זייט

יעצט דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן האבן אים נישט געלאזט גיין, דער משפיע האט ערקלערט די מעשה און פארבינדן די גאנצע מעשה צום לעבן פון א איד אויף דער וועלט. ׳פון ווי ווייסט ער וואס גייט איבער אויף מיר?׳ וואונדערט זיך ר׳ יחיאל, דאס איז דאך ממש געגוי וואס עס גייט איבער אויף מיר טאג טעגליך.

די צייט איז געלאפן די משפט איז שוין אט אט און ר׳ יחיאל גייט שוין גארנישט אן, ער האט געפינען אן ארט וואו מען רעדט אויף זיינע טיפסטע באהאלטענע שמערצן, אויף וואס ער האט בעפאר מיט קיינעם זיך נישט אויסגעשמועסט, נאר ער מיטן באשעפער ווייסן, דער גאנצער געשעפט, די משפט און די געלט האט אים איצטער אויסגעזען ווי עפעס א קליין פראסטע נארישע זאך, ווען מען רעדט דא אויף א לעבנ׳ס פראגע! דא אין דער קליין ברסלב׳ער כאדקעלע האט ער געטראפן אן ענטפער אויף זיינע באהאלטענע פראגעס, א נייער וועג פאר זיין לעבן...

דער חסיד האט צוגעענדיגט זיין דרשה און פארמאכט דעם ספר. ר׳ יחיאל טרעט צו מיט איבערראשונג צו דער ברסלב׳ער חסיד און זאגט פון טיפן הארצן: ״איר האט מיר מורא׳דיג מחיה געווען, מיין משפט וואס איך האב היינט געהאט האט איך שוין אנגעווארן אזוי אויך דאס געלט, אבער מיין לעבן האב איך היינט צוריקבאקומען במתנה, אייערע ווערטער האבן מיר צוריק געשאנקען מיין לעבן, ווי אזוי האט איר געוואוסט צו רעדן אויף אלעס וואס גייט איבער אויף מיר?

המשך קומענדיגע וואך בעז״ה

# טַאטֶע, דָא בִּיסְטוּ!

גֶּרְשׁוֹן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ פְּרַיינְדְלִיכְן שְׁמֵייכְל: ״הֶער אוֹיס מֹשֶׁה׳לֶע, סְ׳אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אַרוֹיסְצוּגֵיין בַּיי הַפְּסָקָה אוּן שְׁפִּילְן מִיט יֶעדְן, אָבֶער אִיךְ טְרַאכְט אַז אֲפִילוּ דָא, אִין דִי שְׁפִּיל פוּן נָאכְלוֹיפְן אוּן כַאפְּן, אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אוּנְז. זֶעסְט דָארְטְן יַעֲנְקִי׳ן אִין וִוינְקְל? זֶעסְט וִוי עֶר שְׁפִּילְט נָאר מִיט דִי קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער? וֵוייסְטוּ פַארְוָואס עֶר וִויל נִישְׁט מִיטְשְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן זַיין כִּתָּה? וַוייל עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס מֶען כַאפְּט, אוּן יֶעדֶער לַאכְט פוּן אִים אוּן וֵוייסְט אַז עֶר אִיז אַ בִּיסְל שְׁוַואךְ...

״הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר, אַז בַּאלְד וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין דֶער וָואס דַארְף לוֹיפְן כַאפְּן, וֶועל אִיךְ אִים בֶּעטְן עֶר זָאל מִיטְשְׁפִּילְן. אִיךְ וֶועל אִים נָאכְלוֹיפְן נָאר צוּם לֶעצְט, אַזוֹי וֶועט עֶר שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז מַצְלִיחַ צוּ לוֹיפְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין סָפֵק אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס הֲנָאָה פוּן דֶעם.״

אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה: אוֹיבּ מִיר קוּמֶען צוּם צַדִּיק אוּן מִיר לֶערְנֶען זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר אוּן מִיר וֵוייסְן וִויאַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע דֶעטַאל פוּן אוּנְזֶער לֶעבְּן. נוּ, הָאסְטוּ אַמָאל גֶעטְרַאכְט אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן?

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה יא'
## דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אוּן דֶער 'בֶּן־שִׁפְחָה'

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: [אַז] עֶר וֶועט זִיךְ הַייסְן אַרַיינְלָאזְן! – אוּן עֶר וֶועט זִיךְ דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען, אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן צוּ דֶער מְדִינָה, דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען! – וָואס וֶועט עֶר דָא צוּלֵייגְן [דֶערְלֵייגְן]?!

הָאט עֶר גֶעזָאגְט (צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזְן): אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרַיינְלָאזְן – אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע – אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן [צוּ] דֶער מְדִינָה, דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען!

הָאט מֶען אִים אַרַיינְגֶעלָאזְט! אוּן מְהָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען [פַאר] דִי שָׂרִים: אַז סְגֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ – וָואס עֶר וִויל זִיךְ דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען, [אַז] עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן [צוּ] דֶער מְדִינָה, דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען! הָאט מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט], צוּ דִי שָׂרִים פוּן דֶער מְדִינָה! הָאבְּן אִים דִי שָׂרִים גֶעזָאגְט:

דוּ זָאלְסְט וִויסְן: אַז מִיר זֶענֶען אוֹיךְ קַיין נַעֲרָנִים נִישְׁט חַס־וְשָׁלוֹם – נָאר דֶער מֶלֶךְ וָואס ס'גֶעוֶוען – עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ווילְד־גְרוֹיסֶער חָכָם זַייעֶר – וָואס אַקֶעגְן אִים, זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעוֶוען נַעֲרָנִים – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] פְלֶעגְט מֶען דִי מְדִינָה צוּ רוּפְן: דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת!

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גֶעשְׁטָארְבְּן – אִיז גֶעבְּלִיבְּן דֶער בֶּן־מֶלֶךְ – אוּן דֶער בֶּן־מֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַ חָכָם – נָאר אַקֶעגְן אוּנְז, אִיז עֶר גָאר קַיין חָכָם נִישְׁט – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] רוּפְט מֶען הַיינְט דִי מְדִינָה פַארְקֶערְט: דָאס קְלוּגֶע לַאנְד, אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת!

הָאט דֶער מֶלֶךְ צַוָואָה גֶעלָאזְט: אַז [אוֹיבּ] סְ'וֶועט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] חָכָם, וָואס עֶר זָאל קֶענֶען אוּמְקֶערְן צוּ דֶער מְדִינָה, דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען – זָאל עֶר זַיין מֶלֶךְ! אוּן הָאט אָנְגֶעזָאגְט [צוּ] דֶעם זוּהְן: אַז [אוֹיבּ] סְ'וֶועט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ – זָאל עֶר אִים אָפְּטְרֶעטְן אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן] דִי מְלוּכָה!

דְהַיְינוּ: אַז [אוֹיבּ] סְ'וֶועט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] חָכָם – וָואס עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי אַ [אַזַא] ווילְד־גְרוֹיסֶער חָכָם – וָואס אַקֶעגְן אִים וֶועלְן זֵיי אַלֶע זַיין נַעֲרָנִים – זָאל עֶר וֶוערְן מֶלֶךְ!

וָוארְן דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ – וֶועט זִיךְ ווידֶער אוּמְקֶערְן צוּ דֶער מְדִינָה, דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען: דָאס נַארִישֶׁער לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע נַעֲרָנִים אַקֶעגְן אִים! בְּכֵן [דֶעריבֶּער] זָאלְסְטוּ וִויסְן וָואס דוּ נֶעמְסְט דִיךְ דָא אוּנְטֶער! (אַזוֹי הָאבְּן אַלְץ [אַלֶעס] דִי שָׂרִים, צוּ אִים גֶעזָאגְט)! נָאךְ הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט:

דִי פְּרוּב וֶועט זַיין אוֹיבּ דוּ בִּיזְט [טַאקֶע] אַזוֹי אַ [אַזַא] חָכָם – בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־ווי] סְאִיז דָא פַארְהַאנְדְן אַ גָארְטְן, וָואס סְאִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סְגֶעוֶוען, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם – אוּן דֶער גָארְטְן, אִיז זַייעֶר אַ ווילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] חִידוּשׁ – סְ'וַואקְסְן אִין אִים כְּלֵי־מַתָּכוֹת (דְהַיְינוּ: כֵּלִים פוּן אַייזְנְוַוארְג), זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים, אוּן גִילְדֶענֶע כֵּלִים – אוּן עֶר אִיז אַ ווילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] חִידוּשׁ זַייעֶר.

נָאר מְ'קֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דֶעם גָארְטְן – וָוארְן אַז [אוֹיבּ] אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אִים אַרַיין – אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אִים אָן תֵּיכֶף צוּ יָאגְן – אוּן מְ'יָאגְט – אוּן עֶר שְׁרֵייט – אוּן עֶר וֵוייסְט

גָארְנִישְׁט, אוּן זֶעהְט גָארְנִישְׁט, וֶוער סְ׳יָאגְט אִים – אוּן אַזוֹי יָאגְט מֶען אִים אַלְץ, בִּיז מְ׳מַאכְט אִים אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם גָארְטְן!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] וֶועלְן מִיר זֶעהְן, אוֹיבּ דוּ בִּיזְט אַ חָכָם: אַז [אוֹיבּ] דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין דֶעם גָארְטְן! הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: צוּ מְ׳שְׁלָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֵייט אַרַיין?!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: דֶער עִיקָר אִיז, [אַז] מְ׳יָאגְט אִים – אוּן עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וֶוער סְ׳יָאגְט אִים – אוּן עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפְן מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה זֵייעֶר – וָוארְן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי דֶערְצֵיילְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַהִין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען! (אַזוֹי הָאבְּן אַלְץ [אַלֶעס] גֶעזָאגְט דִי שָׂרִים, צוּ דֶעם אֱמֶתְ׳ן בֶּן־מֶלֶךְ)! הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם גָארְטְן!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: [אַז] סְאִיז פַארְהַאנְדְן אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִים – אוּן דֶער טוֹיעֶר אִיז אָפְן – אוּן סֶע [סְאִיז] קַיין שׁוֹמְרִים דָארְט נִישְׁט פַארְהַאנְדְן – וָוארְן מְ׳בַּאדַארְף בְּוַדְאַי נִישְׁט קַיין שׁוֹמְרִים צוּ דֶעם גָארְטְן (וָוארְן סְ׳קֶען זִיךְ קֵיינֶער, אִין אִים נִישְׁט אַרַיינְגֵיין, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]). אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בַּיי דֶעם גָארְטְן (דְהַיְינוּ: דֶער אֱמֶתְ׳ער בֶּן־מֶלֶךְ)!

הָאט עֶר אַ קוּק גֶעטָאן – הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: אַז סְ׳שְׁטֵייט דָארְט נֶעבְּן דֶעם גָארְטְן, אַ מֶענְטְשׁ – דְהַיְינוּ: סְ׳אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אַ מֶענְטְשׁ!

הָאט עֶר וַוייטֶער אַ קוּק גֶעטָאן – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז אִיבֶּער [הֶעכֶער] דֶעם מֶענְטְשְׁן, אִיז פַארְהַאנְדְן אַ טַאבְּלִיצֶע [טָאוֶועל פוּן הָאלְץ] – אוּן דָארְט שְׁטֵייט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: אַז דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ, פַאר כַּמָּה מֵאוֹת שָׁנִים (פַאר וִויפִיל [עֶטְלִיכֶע] הוּנְדֶערְט יָאהְר – אוּן [אַז] אִין דִי צַייטְן פוּן דֶעם מֶלֶךְ, אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם – וָוארְן בִּיז דֶעם מֶלֶךְ, אִיז גֶעוֶוען מִלְחָמוֹת – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] נָאךְ אִים, אִיז [אוֹיךְ] גֶעוֶוען מִלְחָמוֹת – אוּן אִין דִי טֶעג פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם!

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר: אַז סְאִיז גָאר גֶעוֶוענְד [גֶעוָואנְדְן] אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן – אַז [וֶוען] מְ׳גֵייט אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין, אוּן מְ׳הֵייבְּט אָן צוּ יָאגְן – בַּאדַארְף מֶען גָארְנִישְׁט צוּ אַנְטְלוֹיפְן – נָאר מְ׳זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשְׁן – [אוּן] דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערְן!

נָאכְמֶער אֲפִילוּ – אַז מְזָאל [אוֹיבּ מְוֶועט] נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן – אוּן מְזָאל [מְוֶועט] אִים אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִינֶעוֵוייגִיג אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין – אַזוֹי וֶועט קֶענֶען אִיטְלֶעכֶער מֶענְטְשׁ אַרַיינְגֵיין בְּשָׁלוֹם, אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין!

(אַזוֹי הָאט אַלְץ [אַלֶעס] פַארְשְׁטַאנֶען דֶער אֱמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ – וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר)!

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין – אוּן תֵּיכֶּף וִוי [וֶוען] מְהָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ יָאגְן – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס סְגֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן דֶעם גָארְטְן פוּנְדְרוֹיסְן – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם – אוּן סְהָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעשַׁאדְט!

וָוארְן אַנְדֶערֶע [מֶענְטְשְׁן] – אַז [וֶוען] זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטְן, אוּן מְהָאט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ יָאגְן – זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה זֵייעֶר – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁלָאגְן גֶעוָוארְן דוּרְכְדֶעם.

אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה – דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשְׁן!

אוּן דִי שָׂרִים הָאבְּן דָאס גֶעזֶעהְן – אוּן הָאבְּן זִיךְ

פארזעצונג אויף זייט 5

:pe ___________

# לאמיר זיך פארהערן





## די עלוֹוטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (7)

**א. וואס האבן די שרים געזאגט פאר'ן בן המלך?**
- ❑ אז עס איז נישט שווער צו צוריק קערן דעם נאמען ווייל די מדינה זענען נערנים
- ❑ אז די מדינה זענען נישט קיין נערנים נאר אנטקעגן דער קלוגער קעניג וואס איז געשטארבן זענען מיר אלע געווען נערנים
- ❑ אז דער קעניג איז נישט געווען אזוי קלוג נאר ער האט געהאט א עצה געבער

**ב. פארוואס האבן זיי נישט אריינגעלאזט נאר ווער ס'וועט צוריק קערן די נאמען פון די מדינה?**
- ❑ ווייל די שרים האבן געוואלט אז ס'זאל זיין א קלוגער קעניג פאר די מדינה
- ❑ ווייל דער קעניג האט געלאזט צוואה אז ווער ס'וועט צוריק קערן די נאמען ער זאל ווערן קעניג
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האט געוואקסן אין די גארטן פון דער פריערדיגע קעניג?**
- ❑ פרוכט און גרינצייג
- ❑ שיינע בלומען
- ❑ אייזערנע כלים זילבערנע כלים און גאלדענע כלים

**ד. וואס האט פאסירט צו ווער ס'האט געוואלט אריין אין גארטן**
- ❑ מ'הייבט אים אהן זייער צו יאגן
- ❑ מ'שלאגט אים
- ❑ מ'לאזט אים אריין גיין רוהיג

**ה. וואס איז געשטאנען אויף די טאבליצע וואס איז געווען העכער דעם אויסגעמאלענע מענטש?**
- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר אפאר יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען שלום
- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר א פאר הונדערט יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען מלחמות
- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר אפאר הונדערט יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען שלום

**ו. וואס האט דער בן המלך פארשטאנען ווען ער האט דאס געזעהן?**
- ❑ אז ווער עס גייט אריין אין גארטן און מ'יאגט אים דארף ער זיך שטעלן נעבן דעם מענטש
- ❑ אז אויב מ'וועט נעמען דעם מענטש און מ'וועט עס אריין לייגן אין דעם גארטן וועט יעדער קענען אריין גיין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

### וועלכע גוטע מידה קען מען זיך לערנען פון די מעשה פון די וואך?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

פון ווען האט מקבל גיווען דער מענטש פון די פערד צו זיין א מבין דבר מתוך דבר ? פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְנְס עֶלְטֶערְן

פון ווען האט מקבל געווען דער מענטש פון דער וואלד די כלי וואס שפילט דער ניגון? (וואס מיר האבן געלערנט פאריגע וואך) - פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן

וויפיל מאל שטייט אין די מעשה "מבין (פארשטייט) דבר מתוך דבר" ? 8

וויפיל מענטשן וועלכע זענען געשטאנען ביים טויער פון די מדינה זענען געווען א מבין דבר מתוך דבר ? 2 מענטשן – דער מענטש פון די פערד – און דער אמת'ער בן מלך

**צוליב טעכנישע סיבות וועט דער גורל אויף בן המלך ובן השפחה #6 זיין קומענדיגע וואך בעז"ה**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# טַאטֶע, דָא בִּיסְטוּ!



מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינֶעם מַעֲשֶׂה, אַז דִי שָׂרִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר בֶּן-הַמֶּלֶךְ: "זָאלְסְט וִויסְן אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין נַארָנִים. מִיר וֶוערְן נָאר גֶערוּפְן נַארָנִים אִין פַארְגְלַייךְ צוּם פְרִיעֶרְדִיגְן קֶענִיג - וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חָכָם. וְויאַזוֹי וֶועלְן מִיר טַאקֶע וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ חָכָם? נָאר סְ'אִיז פַארְהַאן אַ גָארְטְן אִין דֶעם לַאנְד וואוּ עֶס וַואקְסְן כֵּלִים פוּן זִילְבֶּער אוּן גָאלְד, אָבֶּער קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין דָארְטְן, וַוייל וֶוער עֶס פְּרוּבִּירְט נָאר אַרַיינְצוּגֵיין וֶוערְט גְלַייךְ נָאכְגֶעיָאגְט אוּן עֶר הֵייבְּט אָן שְׂרַייעֶן, אָבֶּער עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס יָאגְט אִים נָאךְ בִּיז עֶר אַנְטְלוֹיפְט פוּנֶעם גָארְטְן. לוֹיט דַיינֶע וֶוערְטֶער, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט טַאקֶע אַ חָכָם, לָאמִיר דִיךְ זֶען אַרַיינְגֵיין אַהִין."

עֶר הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט צִי דִי וָואס גֵייעֶן אַרַיין וֶוערְן גֶעשְׁלָאגְן? "נֵיין," הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט.

דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אֵיין זַאךְ פוּן דִי אַנְדֶערֶע, הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַז עֶר דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְן. אוֹיבּ מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן אִים, וָואלְטְן זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם וָואס יָאגְט זֵיי נָאךְ, דַוְוקָא דוּרְךְ אִים. מֶער פוּן דֶעם, אוֹיבּ מֶען וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶעלְט 'אִינְמִיטְן' גָארְטְן, וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין גָארְטְן רוּאִיגֶערְהֵייט.

וִוי שֵׁיין זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן. דֶער "מֶענְטְשׁ פוּנֶעם גָארְטְן" סִימְבָּאלִיזִירְט דֶעם צַדִּיק. וֶוען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוּן שְׁטֶעלְן זִיךְ נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק, מֶען שִׁיצְט זִיךְ אִין אִים אוּן מֶען פָאלְגְט אִים, וֶוערְט שָׁלוֹם אִין אַלֶע וֶועלְטְן: שָׁלוֹם צְווִישְׁן חֲבֵרִים, אוּן שָׁלוֹם צְווִישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ מֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אַז אוֹיבּ מִיר שְׁטֶעלְן דֶעם מֶענְטְשׁ – דָאס מֵיינְט דֶעם צַדִּיק – אִינְמִיטְן גָארְטְן, דָאס הֵייסְט אִינְמִיטְן פוּן אוּנְזֶער גַאנְצְן לֶעבְּן, קֶענֶען מִיר בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם גָארְטְן. וַוייל אוֹיבּ מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, קֶענֶען מִיר טְרֶעפְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט פוּנֶעם לֶעבְּן אוּן זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ אִים אִיבֶּעראַל – אֲפִילוּ אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן, בַּיים לֶערְנֶען, אִין אַ שְׁמוּעֶס, וֶוען מֶען גֵייט קוֹיפְן עֶפֶּעס אִין גֶעשֶׁעפְט, אָדֶער בַּיים עֶסְן אַ סְעוּדָה.

מֹשֶׁה'לֶע אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁפִּילְן אִינְמִיטְן הַפְסָקָה. דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעלָאפְן אַהִין אוּן אַהֶער אִין חָצֵר אוּן גֶעשְׁפִּילְט. עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעלָאפְן כְּדֵי מֶען זָאל אִים נִישְׁט כַאפְּן. פְלוּצְלִינְג הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַז זַיין גוּטֶער חַבֶר גֵרְשׁוֹן קְנֵייטְשְׁט זַיין שְׁטֶערְן אוּן טְרַאכְט טִיף. עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶפֶּעס זֵייעֶר וִויכְטִיג פַארְנֶעמְט אִים. 'וָואס קֶען אִים בַּאדֶערְן אִינְמִיטְן אַ שְׁפִּיל?' הָאט עֶר זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט.

עֶר אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "גֵרְשׁוֹן! אִיךְ זֶע דוּ בִּיסְט פַארְטְרַאכְט. אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר זָאגְן צִי עֶפֶּעס בַּאדֶערְט דִיךְ?"

המשך אויף זייט 8